ידען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

הײַנט 10 זײַטען (טאבעלע פון דער מלוכה־לאטעריע — זעה זייט 3)

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

| № 108 | לאדז, דינסטאג, כ״ג אייר תרצ״ד | צוועלפטער יאהרגאנג | Łódź, Wtorek, 8 maja 1934 r. | № 108 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.


# אטענטאט אויפ׳ן קאנצלער דאלפוס האט זיך נישט איינגעגעבן אויסצופיהרען

## ארעסטירט אויף דער דייטש־עסטרייכישער גרעניץ, א יונגענמאן, וועלכער איז געפאהרען קיין וויען אויסצופיהרען דעם אטענטאט אויפ׳ן עסטרייכישען קאנצלער

וויען, 7 (ספ. טעל.)

קיין לינץ האט די גרעניץ־וואך געבראנגט אנ׳ארעסטירטען, ביי וועלכען מ׳האט געפונען 2 גאז־פיסטאלעטען און א גרעסערע צאהל גאז־קוילען.

נאך א לענגערען פערהער, האט דער ארעסטירטער ערקלערט, אז ער הייסט פאציק און האט זיך מודה געווען, אז ער האט געוואלט פאהרען קיין וויען אויסצופיהרען אנ׳אטענטאט אויפן קאנצלער דאלפוס.

די וויטערדיגע אויספארשונג איז אין גאנג.

אפיציעל איז מען מודיע, אז די דייטשע רעגירונג׳ האט אויפמערקזאם געמאכט דער עסטרייכישער מאכט, אז א געוויסער האנס פאציק, 17 יאהר אלט איז דעם 5 מאי אוועק פון דרעזנא מיטן ציל צו פאהרען קיין עסטרייך אויסצופיהרען אנ׳אטענטאט אויפן קאנצלער דאלפוס.

דעם 6 מאי, איז פאציק טאקע ארעסטירט געווארען אויף דער עסטרייך־דייטשע־גרעניץ.

## פרעזידענט הינדענבורג איז געזונד?

בערלין, 7 (ספ. טעל.)

דא ווערט אפיציעל אפגעלייקענט די ידיעה, וועגען א קראנקהייט פון פרעז. הינדענבורג.

הינדענבורג פיהלט זיך געזונד און פיהרט אויס אלע אמטליכע פליכטען.

וויען, 7 (ספ. טעל.)

„רייכספאסט" איז מודיע, אז דער געזונד־צושטאנד פון פרעזידענט הינדענבורג רופט ארויס אין דייטשלאנד א גרויסע זארג.

אלס זיין עווענטועלען פערטרעטער ווערט אנגערופען דער עהעמאליגער נאמיעסטניק גענעראל פאן עפ, וועלכער איז 66 יאהר אלט און איז געווארען פאפולער דורכ׳ן אומיוארפען די סאוויעטישע ארדנונג אין יאהר 1919.

## אויפרייס אין א פראנצויזישער דינאמיט־פאבריק

פאריז, 7 (ספ. טעל.)

אין דער דינאמיט־פאבריק אין דער געגענד פון נאמור, איז פארגעקומען אנ׳אויפרייס. איין ארבייטער איז דער׳הרג׳ט געווארען און 2 זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

די סיבה פון אויפרייס איז נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

## גרויסע שרפה אין ביאליסטאק

### אפגעברענט 32 הייזער

ביאליסטאק, 7. (ספ. טעל.) בעכטען האט אין דער פארשטאט סטאראשעלצי אויסגעבראכען א שרפה.

32 וואוינהייזער, זענען אוועק אין פלאמען, אויך 41 שכנישע סטאדאלעס זענען פערברענט געווארען.

ס׳איז געשאפען געווארען א הילפס־קאמיטעט צו העלפען די בשרפים, אין די ערשטע 6 טעג וועט דאס מיליטער צושטעלען לעבענסמיטעל פאר די בשרפים, דער וויצע־וואיעוואדא מיכאלאווסקי האט אסיגנירט 1000 זלאטעס און דער „קאמיסא" באוואקאווסקי 500 זלאטעס.

## מיניסטער בעק אין בוקארעשט

בעלגראד, 7 (ספ. טעל.)

די רייזע פון פוילישען אויסערן־מיניסטער בעק קיין בוקארעשט, ווערט זעהר לעבהאפט קאמענטירט דורך דער ארטיגער פרעסע.

## הכנות צו דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ

פאריז, 7 (ספ. טעל.)

„לא־פטי־פאריזיען" שטעלט פעסט, אז הענדערסאן האט ברעה איבערצורוקען די דאטע פון דער זיצונג פון פרעזידיום פון דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ אויפ׳ן 28 מאי ד. ה. אויף א טאג פאר דער זיצונג פון דער הויפט־קאמיסיע.

## לופט־קאמוניקאציע צווישען פוילען און טערקיי

אנגארא, 7. (ספ. טעל.) הייגט איז דא אנגעקומען א פוילישע דעלעגאציע, וועלכע וועט פיהרען אונטערהאנדלונגען וועגען איינשטעלען א לופט קאמוניקאציע צווישען פוילען און טערקיי.


אכטונג! זונטאג, דעם 13 מאי אין זאל „פילהארמאניע" (נארוטאוויטשא 20) קומט פאר די פייערליכע פראקלאמירונג פון דער ספר־תורה־אקציע אכטונג!

א. נ. פון „חפץ־חיים" זצ״ל מיט דער בעטייליגונג פון די גרעסטע ראשי־ישיבות פון ליטע, ווי אויך מיט דער בעטייליגונג פון די חשובע רבנים פון לאדז און אומגעגענד.


נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נפטר געווארען אין עלטער פון 74 יאהר אונזער הייסגעליבטער פאטער, שוויגערפאטער, גראספאטער, ברודער, שוואגער און אנקל

## נ״ע אשר ב״ר שמשון הלוי ז״ל בארנשטיין

(לאנגיעהריגער קאלאביאל־סוחר אין לאדז)

די לויה קומט פאר היינט דינסטאג, דעם 8 מאי 1934 (כ״ג אייר תרצ״ד) 2 א זייגער בייטאג פון טרויער־הויז ראקיטשיגער 47, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.


קאפע „IDEAL"

(dawn. „Atlantic")

פיעטריקאווער 48, טעל. 162-11

מאכט בעקאנט, אז צום זומער־סעזאן גיבען מיר ארויס די גוט־בעקאנטע און געשמאקע

פרישטיקען און וועטשערעס פון 90 גר.

ווי אויך די נייע שטאקפורע יארסקע מיטאגען פון 2 זל. און מאלירע בעהאנדלונג!

מיט אכטונג

קאפע „אידעאל" פיעטריקאווער 48.

אנאנסען אין „נ. פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג.

בריליאנטען, גאלד, זילבער, פערשיד. ביזשוטעריע, לאמבארד־קוויטעס קויפט און צאהלט די העכסטע פרייזען

Magazyn jubilerski M. H. Lissak, Piotrkowska 5

ביטשריפט = ביורא

פאר געריכטס־ און אדמיניסטראציע־מאכט

B. Mann

האט זיך איבערגעצויגן פון פעטריקאווער 10 אויף פעטריקאווער 82

פארטער, לינקע אפיצינע.


נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער ליבע און אונפערגעסליכע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער און אורגרויסמוטער נ״ע

## גאלדע קאפער

אשת ר׳ אברהם יצחק ז״ל

בת ר׳ משה ז״ל פינולא

### אין עלטער פון 82 יאהר

די לויה קומט פאר היינט דינסטאג, כ״ג אייר תרצ״ד, 1 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער־הויז שרודמיעסקא 29, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

